# פרשת יתרו ט"ז – כ"ב שבט תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת יתרו***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **אשר זעליג נאה** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **רפאל אהרן קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קס"ה סעיף א') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה פארציילט, אז ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, ויקח משה את עצמות יוסף עמו (יג-יט), האט משה רבינו מיטגענומען די עצמות פון יוסף. אין די גמרא (סוטה יג.) שטייט, בוא וראה כמה חביבות מצות על משה רבינו, ווי באליבט עס איז געווען מצות אויף משה רבינו, יעדער איינער האט עוסק געווען אין ביזת הים, עס איז געווען דארט א גרויס פארמעגן פון זילבער און גאלד, וואס יעדער האט געקענט נעמען וויפיל ער האט געוואלט, און משה רבינו איז נישט צוגעגאנגען נעמען, נאר ער האט אפגעהיטן די עצמות פון יוסף. די מצוה פון היטן די עצמות פון יוסף איז געווען ביי אים מער פון כסף און זהב. און אויף דעם שטייט אין פסוק אויף משה רבינו, חכם לב יקח מצות (משלי י-ח), משה רבינו איז געווען א חכם לב, ער איז געווען קלוג, און מיט חכמה האט ער אזוי געטון אז ער האט גענומען די עצמות יוסף, און נישט די ביזת הים.

**די** מפרשים שטעלן זיך, פארוואס רופט מען דאס אן 'חכמה'. דאס האט נישט צוטון מיט חכמה, צו מען איז קלוג צו נאריש, דאס האט צוטון מיט ערליכקייט. ער וואלט געדארפט זאגן, בוא וראה צדקת משה, קוק די צדקות פון משה רבינו, אז משה רבינו האט געהאט א געלעגענהייט צו נעמען כסף און זהב, און ער איז נישט געגאנגען דערויף. פארוואס רופט מען דאס אן 'חכם לב' יקח מצות, אז משה רבינו איז געווען א חכם, און אלץ די חכמה וואס ער האט געהאט, האט ער גענומען מצות, און נישט די ביזת הים.

**די** מפרשים זענען מסביר, ווען א מענטש ברענגט פאר א סוחר א זאך צו קויפן, ער איז אים מציע קויף איין די סחורה, און דו קענסט דערויף פארדינען. איינער וואס איז נישט קלוג, וועט אנקוקען די זאך, ווי אזוי עס קוקט אויס. צו עס גלאנצט, צו עס איז שיין, וואס פארא רושם עס מאכט, און דאס וועט אים פארבלענדן די אויגן אז ער זאל עס קויפן. א געריבענער סוחר אינטערעסירט אים נישט ווי אזוי די זאך קוקט אויס אין שיינקייט, נאר ער קוקט, צו מען וועט קענען פון דעם מאכן א געשעפט, צו נישט. זיין בליק איז אויף שפעטער, אויב מען וועט עס קענען פארקויפן, דעמאלטס וועט ער אסאך מאל קויפן אפילו א זאך וואס איז נישט אזוי שיין צוגעשטעלט, ווייל מען קען מאכן דערויף געלט. א שיינע זאך איז גוט צו האלטן ביי זיך אין שטוב, אבער נישט צו מאכן מיט דעם געשעפטן.

**א** חכם איז א רואה את הנולד (תמיד לב.), א חכם קוקט נישט אויף די זאך ווי אזוי עס איז יעצט, נאר ער קוקט אויף א זאך, ווי אזוי עס וועט זיין שפעטער. - ווען מען טרעפט ביזת הים, זילבער און גאלד וואס גלאנצט, און ער גייט דאס נעמען, צו דעם דארף מען נישט זיין א גרויסער חכם, יעדער פארשטייט אז זילבער און גאלד איז גוט. משה רבינו איז געווען א 'חכם לב', ער איז געווען א רואה את הנולד, ער האט געזען אז מצות און מעשים טובים איז חשוב'ער פון זילבער און גאלד, האט ער דאס איבערגעלאזט און ער האט זיך מתעסק געווען בעצמות יוסף.

**די** ביאור פון די ווערטער איז. יודען הייסען א עם חכם ונבון, אזוי זאגט דער פסוק (דברים ד-ו) ואמרו, די פעלקער וועלן זאגן, רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה, מיר זענען א עם חכם ונבון. אמת טאקע אז יודען זענען קלוגער פון די אומות העולם, די אומות העולם זענען אויך מודה, און דאס איז זייער קנאה אויף יודען, און וועגן דעם רודפ'ט מען יודען, ווייל זיי זענען אונז מקנא מיט אונזער חכמה. די גרעסטע

חכמים, זענען געווען פון כלל ישראל. אבער אז די תורה זאגט, רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה, ליגט אין דעם נאך א נקודה.

**א** נאר זעהט נאר א זאך וואס איז פאר די אויגן. ער זעהט נישט א זאך אויף שפעטער, אז ער זאל קענען אויסרעכענען וואס עס וועט זיין דערפון שפעטער. אזוי ווי א קינד, וואס ווען ער זעהט א גוט מאכל, נעמט ער עס אריין אין מויל, און ער האט נישט קיין חשבונות אויף שפעטער, צו ער וועט זיך פארדארבן די מאגן צו נישט, צו עס וועט אים שפעטער וויי טון, צו נישט. אבער א חכם איז א רואה את הנולד, א חכם קוקט נישט אויף די זאך ווי אזוי עס זעהט אויס יעצט, ער קוקט וואס עס וועט זיין די תוצאה דערפון, ווי אזוי די זאך וועט זיין שפעטער. א גרעסערער חכם זעהט נאך ווייטער, ער זעהט אויף די פעולה וואס ער וועט יעצט טון, ווי אזוי עס וועט זיין אין פינף יאר ארום, און צען יאר ארום. ווי גרעסער זיין חכמה איז, קען ער זעהן ווייטער וואס עס וועט ברענגען.

**א** גוי, אפילו ער איז א חכם, איז זיין גאנצע שאיפה צו פארשאפן געלט, כסף וזהב, עשירות, ווייל ער איז א רואה את הנולד, און זיין חכמה זאגט, אז ווען מען האט געלט, קען א מענטש נאכדעם האבן א גוט לעבן. וואס ער דארף האבן, קען ער צוקומען דערצו ווען מען האט פארמעגן. אבער זיין גאנצע בליק גייט נאר ביז זיבעציג יאר, ימי שנותינו בהם שבעים שנה, ואם בגבורות שמונים שנה (תהלים צ-י). אבער דער אמת איז, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות (אבות ו-י). וואס ער פלאגט זיך, איז אלעס נאר אויף די קורצע צייט וואס ער לעבט. מיר יודען זענען אנדערש, מיר מאכן א חשבון אז דאס לעבן פון א מענטש איז פארגענגליך, מיר האבן א לעבן וואס קומט שפעטער, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (שם ד-טז), די וועלט איז נאר א דורכגאנג, אונז ווייס מיר אז עס איז דא שפעטער א חשוב'ערע וועלט פון דעם עולם. א עולם הבא, וואס דארט לעבט מען שטענדיג, עס איז חיי נצחיים, עס איז נישט א זאך וואס עס ענדיגט זיך. יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא, מכל חיי עולם הזה (שם ד-יז), איין שעה קורת רוח בעולם הבא, איז מער פון גאנץ חיי עולם הזה. און נאר מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת (ע"ז ג.). מיר זענען א פאלק, וואס איז א רואה את הנולד, אונז גיי מיר נישט אוועקגעבן אונזער צייט פאר עניני עולם הזה וואס איז פארגענגליך, וואס איז נאר פאר א קורצע צייט, אונז קוק מיר א זאך מיט א ווייטערן בליק, מיר זוכן צו טון זאכן וואס מיר וועלן קענען נהנה זיין דערפון אין עולם הבא. רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה, מיר זענען די איינציגסטע פאלק וואס מיר לעבן מיט א חשבון וואס עס וועט זיין נאך די הונדערט און צוואנציג יאר. אונז גרייט מיר זיך צו, מיט אונזערע מעשים, אויף וואס עס וועט זיין שפעטער. מיר ווערן נישט פארבלענדעט פון תענוגי עולם הזה, אז ווייל עס גלאנצט יעצט, און עס איז שיין יעצט, וועגן דעם זאלן מיר נאכגיין דערנאך. און דאס איז וואס די אומות העולם זאגן, אז דער טיטל 'חכם ונבון', א רואה את הנולד, דאס איז נאר ביי הגוי הגדול הזה, דאס איז נאר ביי יודען.

**דאס** גאנצע פאלק איז געשטאנען דארט, און יעדער האט גענומען ביזת הים. צו נעמען ביזת הים דארף מען נישט זיין קיין גרויסער חכם, יעדער פארשטייט אז ביזת הים איז גוט. אבער משה רבינו איז א 'חכם לב', ער איז א רואה את הנולד, עטץ פלאגטס זיך דא צוזאמצונעמען כסף וזהב וואס וועט ענק נישט באגלייטן שפעטער, דאס וועט נישט בלייבן פאר ענק, נאר ווילאנג מען לעבט. איך גיי אין די זעלבע צייט אפהיטן די עצמות פון יוסף, און דאס וועט מיר באגלייטן אויף דורי דורות שפעטער, דאס איז חכם לב יקח מצות. ווען משה רבינו האט איבערגעלאזט די ביזת הים, און ער איז געגאנגען אפהיטן די עצמות פון יוסף, איז דאס א חכם לב, דאס איז א חכמה, אז ער איז געווען א רואה את הנולד. ויקח משה את עצמות יוסף 'עמו', דאס בלייבט מיט אים. כסף וזהב וואס ענק נעמטס צוזאם דארט, וועט ענק נישט באגלייטן, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב. ויקח משה את עצמות יוסף 'עמו', משה רבינו האט גענומען מיט זיך די עצמות פון יוסף, דאס גייט בלייבן מיט אים שטענדיג. און דאס מיינט דער טיטל 'חכם לב' יקח מצות, משה רבינו איז געווען א חכם הרואה את הנולד.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **אשר זעליג נאה** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת יתרו***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל שם תפלת מנחה.

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הערב התקיימה החתונה הגדולה של נכדת **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, בת חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**, דומ"ץ סאמבאטהעלי (בן הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א), עב"ג החתן הרב **ברוך** שליט"א, בן **הרה"ג רבי פנחס שלום אייכענשטיין שליט"א** אב"ד חודרוב (טשיקאגא, בן הגה"צ רבי יהושע העשיל אייכענשטיין שליט"א האדמו"ר מזידיטשוב טשיקאגא, חתן הגה"צ רבי אלי' שטערנבוך שליט"א ראב"ד אנטווערפען), שהתקיים באולמי פרדס צבי – פרדס פיגא.

בשעות הערב קיבל **רבינו שליט"א** קהל אנ"ש שנכנסו להזכר בדבר ישועה ורחמים בעידן חדוותא בבית צדיקים.

בהגיע מועד השמחה בשעה שבע בערב נכנס **רבינו שליט"א** יחד עם החתן והמחותנים הדגולים שליט"א להקבלת פנים שנערכה ברוב פאר במעמד רבנים גאו"צ קרובי המשפחה שליט"א. מקהלת המשוררים הנעימה בניגוני התעוררות. - אחר שסידר **רבינו שליט"א** את הכתובה השמיע הר"ר **שרגא מרדכי בלומענבערג** הי"ו חרוזים מיוחדים לכבוד החתן בהתעוררות רב, ולעורר זכות אבות החתן והכלה שיורדים להשתתף בשמחת צאצאיהם. - אחר הקבלת פנים הלך **רבינו שליט"א** עם החתן לבאדעקן, ובירך את הכלה בפרישת כפים.

החופה התקיימה במעמד קהל רב על במה מיוחדת על יד האולם. אחר שניגנו ניגוני קודש בהתעוררות עצומה, נתכבד הסב **כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב שליט"א** בסידור קידושין. בקריאת הכתובה נתכבד דוד החתן **כ"ק האדמו"ר מנאוואמינסק שליט"א**. בברכות הראשונות נתכבד **כ"ק רבינו שליט"א**, בברכת שמח תשמח נתכבד **הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א**. בברכה אחריתא נתכבד סב הכלה **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א**. - עם סיום החופה יצא כל הקהל בריקוד ובשירה וזמרה, **ורבינו שליט"א** בירך את כל הנאספים בברכת הקודש.

כשעה אחר החופה נכנס **רבינו שליט"א** לאולם החתונה שהיתה מלאה בקהל המוני אנשי שלומינו תלמידים וחסידים שבאו לשמוח בשמחת בית צדיקים. **רבינו שליט"א** עבר על שלחן המזרח וקיבל את פני הרבנים הגאוה"צ שליט"א בהארת פנים.

בכניסת החתן לאולם החתונה, רקדו **רבינו שליט"א** והסבים הדגולים והמחותנים שליט"א עם החתן, כאשר קהל המשתתפים מתרוממים בשירה וזמרה. כמו כן רקד **רבינו שליט"א** במשך סעודת החתונה עם **כ"ק האדמו"רים מתולדות אהרן, פאפא, באבוב 45 שליט"א**, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**, וגיסו **הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א**.

במשך החתונה עברו מאות רבות של אנ"ש ידידים וקרובי המשפחה לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א, כאשר מתחלק לכל המשתתפים הספר החדש **'שמן ראש'** (חלק ראשון – שמיני - שמות), שיצא לאור ע"י מכון מעדני מלך (נדבת לבו של הנה"ח הר"ר **וואלווי ברוין** הי"ו).

אחר אמירת לחיים ירד **רבינו שליט"א** לחלל היכל האולם, וערך ריקודים נלהבים עם החתן והמחותנים, ובמיוחד עם חתנו אבי הכלה שליט"א ויוצ"ח, כאשר קהל אנשי שלומינו מסובבים כחומה בשמחה של מצוה בעוז ותעצומות.

בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אפרים יהודא פארטוגאל שליט"א** אב"ד סקולען (מאנסי). בשבע ברכות נתכבדו: **הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א, הגה"צ רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה, **הרה"ג רבי חיים מאיר ארנסטר שליט"א** אב"ד ויזניץ מאנטשעסטער, **הרה"ג רבי שלמה פרענקל שליט"א** אב"ד וויעליפאל (לעיקוואד), **הרה"ג רבי יחזקאל אייכענשטיין שליט"א** אב"ד זידיטשוב (מארין פארק). בברכה אחריתא נתכבד **הגה"צ רבי יחזקאל הורוויץ שליט"א** אב"ד שטראסבורג.

אחר אמירת השבע ברכות פתח הר"ר **ישעי' פוקס** הי"ו בדברי חרוזים וקרא את סב החתן **כ"ק האדמו"ר**

**מזידטשוב שליט"א**, ואת סב הכלה **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א** לרקוד מצוה טאנץ.

בהתעוררות מיוחדת נקרא **רבינו שליט"א** למצוה טאנץ, ובחרוזים מיוחדים לעורר אהבת קדומים זכות אבותיו הק' שעל ידם יושפע כל טוב. - **רבינו שליט"א** רקד מצוה טאנץ לפני הכלה בעוז ותעצומות, ויניעו אמות הסיפים בעת **שרבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז במחיית כפים ביקוד אש קודש, בניגוני שמחה ושבח והודאה לה' יתברך, אשרי עין ראתה כל אלה.

אחר כך רקד **רבינו שליט"א** עם החתן והמחותנים, ועם גיסו **הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א**, ובני המשפחה. עם סיום המצוה טאנץ עברו כל קהל אנ"ש לפני **רבינו שליט"א** לברך ולהתברך בברכת הקודש בעידן חדוותא.

אחר כך המשיכו במצוה טאנץ להמחותנים ושאר קרובי המשפחה. שמחת החתונה הסתיימה בצהלה ושמחה בשעה שלש לפנות בוקר. ויה"ר שמשמחה זו ישפע עלינו שפע קודש להתברך בכל מילי דמיטב.

*

***יום רביעי פרשת יתרו***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה לרגל נישואי נכדתו הכלה שתחי', על ידי סב החתן **כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב שליט"א**, באולם פערעדיים מענאר.

*

***יום חמישי פרשת יתרו***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדתו, שנערכה על ידי בני הכולל מוויליאמסבורג, והתקיימה בבית מדרשנו בוויליאמסבורג. בסעודת השבע ברכות נאמו: הר"ר **אברהם יואל יאקאבאוויטש** הי"ו, האברך הר"ר **נחום יהודא שווארץ** הי"ו, **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**, ראה"כ. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. דברי בדחנות נשמעו על ידי הר"ר **מענדל ראזענבערג** הי"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**פותחין** בכבוד האכסניא, אכסניא של תורה, מען זיצט ביי א סעודת שבע ברכות צוזאמען מיט די בני הכולל. איך זאג אלץ אז עס איז איינע פון די חשוב'סטע שבע ברכות וואס איז דא ביי א שמחה, וואו מען זיצט מיט תלמידי חכמים וואס זיצען און לערנען באהלה של תורה. עס שטייט די וואך אין די פרשה, ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכל לחם עם חותן משה לפני האלקים (יח-יב), און די גמרא (ברכות סד.) פרעגט, וכי לפני אלקים אכלו, והלא לפני משה אכלו, אלא לומר לך כל הנהנה מסעודה שתלמיד חכם שרוי בתוכה, כאילו נהנה מזיו השכינה, עס איז א סעודה לפני האלקים, עס איז א סעודה פארן אייבערשטען. - ווען עס קומען זיך צוזאם תלמידי חכמים, וואס לערנען א גאנצע טאג, און זיי הארעווען אויף תורה, און מען מאכט א סעודה אינאיינעם, האט עס א געוואלדיגע חשיבות.

**עס** קומט אויס ווייניג צו רעדן צו די כולל יונגעלייט, איך בין לײדער אזוי טרוד, און איך קום נישט אן אפילו די ביסל וואס איך דארף. - מען דארף נישט ארויסברענגען די חשיבות פון זיצען און לערנען, ווי חשוב עס איז ווען מען איז זיך ממית באהלה של תורה, מען זיצט און מען לערנט, און מען גיט אוועק דאס גאנצע לעבן נאר פאר תורה און עבודת ה'. אשרי חלקם פון די וואס זענען זוכה דערצו, אז זיי קענען זיצען באהלה של תורה.

**בדרך** כלל בין איך געוואוינט, אז ווען איך הער עפעס, טראכט איך נאכדעם וואס מען קען זיך אראפלערנען דערפון. - נעכטן איז געווען ביי מיר א יוד נאך געלט, א איש פשוט מאד, און ער זאגט מיר, אז ער קומט נאך געלט, ווייל ער האט א זון וואס לערנט אין כולל, און ער פראבירט אים אויסצוהאלטן, נעמט ער צוזאם פאר אים געלט. עס האט מיר נישט אויסגעקוקט אז ער איז א טאטע פון א כולל יונגערמאן. זאג איך אים, דו האסט א זון אין כולל? זאגט ער מיר, מיין זון האט געלערנט אין קאלידז"ש, און ער האט זיך געלערנט

צו זיין א דענטיסט, און ער איז אנגעקומען צו איינע פון די גרופעס וואס טוען מקרב צו זיין יודען צו תורה אין פא"ר ראקעוועי, און ער האט איבערגעלאזט די קאלידזש, אינמיטן זיך לערנען צו זיין א דענטיסט, און ער האט זיך אריינגעזעצט אין כולל, און ער זיצט און לערנט. און איך האב אים געפרעגט, פון וואו וועסטו האבן פרנסה? האט ער מיר געזאגט, דער רבונו של עולם האט. און ער זיצט און לערנט. און איך האב רחמנות אויף מיין זון, אז ער האט נישט פון וואס צו לעבן, גיי איך ארום נאך געלט.

**זאגט** ער מיר ווייטער, איך וויל פרעגן דעם רב, עס איז נארמאל וואס מיין זון טוט? ער לאזט איבער די קאלידזש וואו ער לערנט זיך צו זיין א דענטיסט, און ער גייט לערנען, און איך דארף גיין נאך געלט ווייל ער זיצט און לערנט. איך וויל וויסען צו עס איז א נארמאלע זאך צו נישט. דער אמת איז, אז ביידע זענען נישט נארמאל, עס איז ביידע נישט א זאך וואס איז מצוי. זאג איך אים, דו זעהסט דאך אז דיין זון איז נפשו חשקה בתורה, דער אייבערשטער האט אים אריינגעגעבן אין הארץ איבערצולאזן אלעס און זיצען און לערנען, און איך זעה אז דער אייבערשטער האט דיר אריינגעגעבן אין הארץ אז עס זאל אים טאקע גארנישט פעלן, ער זאל האבן א טאטע וואס זאל גיין נאך געלט פאר אים ער זאל קענען זיצען און לערנען. ער איז גליקליך אז ער איז באהלה של תורה, און דו דארפסט זיך פילן גליקליך אז דו העלפסט צו, אז דיין זון זאל קענען זיצען און לערנען.

**ווען** ער איז ארויסגעגאנגען טראכט איך אזוי ביי מיר, ווי חשוב עס איז ביים אייבערשטען אזא שטוב. אונז וואס מיר זענען ערצויגען געווארן אין א לופט פון תורה, מען זיצט און מען לערנט, קענען מיר אסאך מאל טראכטען, שלום עלי נפשי, ב"ה איך זיץ אין כולל און איך לערן. און עס איז אסאך מאל דא מחשבות אפשר איז שוין די צייט ארויסצוגיין פון כולל, מתי אעשה גם אנכי לביתי, מען דארף דאך פרנסה, מען דארף חתונה מאכן די קינדער וכדומה. און דא קומט איינער וואס איז קיינמאל נישט געווען אין א כולל, ער זיצט אין קאלידזש, און ער האט שוין בדרך הטבע א האלבע פרנסה אין דער האנט, און ער לאזט איבער זיין דענטיסטעריי, און ער זיצט און פלאגט זיך אויף לערנען. און דער אייבערשטער פארלאזט אים נישט, ער גיט אריין א מחשבה פאר דעם טאטן, איך גיי נישט לאזן מיין זון זאל זיין אן פרנסה, און ער גייט ארום נאך געלט כדי מחזק צו זיין, זיין זון. דאס איז מעורר א געוואלדיגע מוסר השכל.

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, ווי די תורה פארציילט אז יתרו איז געקומען אין מדבר. און די תורה גיט קודם א טיטל אויף יתרו, אז ער איז געווען כהן מדין, און ער איז געקומען אל המדבר אשר הוא חונה שם הר האלקים (יח-ה). און רש"י זאגט [מען דארף לערנען חומש מיט רש"י. בני תורה וואס לערנען גמרא מיט תוספות, דארפן אויך לערנען חומש מיט רש"י יעדע וואך], אף אנו יודעין שבמדבר היה, אונז ווייס מיר אז יודען זענען געווען אין מדבר, אלא בשבחו של יתרו דבר הכתוב, שהיה יושב בכבודו של עולם, ער האט געהאט א גרויס פאזיציע, ער איז געווען כהן מדין, ונדבה לבו לצאת אל המדבר מקום תוהו, ער האט איבערגעלאזט אלעס, און ער איז ארויסגעגאנגען צו א מקום תוהו, לשמוע דברי תורה, צו הערן דברי תורה. די תורה איז מאריך און גיט צו א פאר ווערטער, ווייל ער וויל דיר זאגן, וואס דער יתרו איז געווען פאר דעם, און וואס ער האט אלץ איבערגעלאזט, און וואו ער איז געגאנגען. ער איז געווען כהן מדין, א חשוב'ער מענטש אין זיין מקום, און ער האט אלעס איבערגעלאזט, און ער איז געגאנגען צו א מקום תוהו, צו א מדבר, צו הערן תורה.

**עס** שטייט אין **יערות דבש** (ח"א דרוש ט"ז), ויחד יתרו על כל הטובה אשר עשה ה' לישראל (יח-ט), און רש"י זאגט, ומדרש אגדה, נעשה בשרו חדודין חדודין. ויחד איז טייטש אז ער האט זיך געפרייט, און ויחד איז אויך טייטש, אז עס האט אים געשטאכען. על כל הטובה, טייטשט רש"י, טובת המן, והבאר, והתורה. ער האט זיך געפרייט אז יודען האבן מן, און יודען האבן א באר, און יודען האבן די תורה, ועל כולם אשר הצילו מיד מצרים, און העכער דעם אלעם, אז דער אייבערשטער האט זיי מציל געווען מיד מצרים.

**זאגט** דער הייליגער **יערות דבש**, יתרו איז געקומען מיט מסירת נפש, ער האט איבערגעלאזט א פאסטן וואס ער האט געהאט, כהן מדין, און ער גייט צו א מדבר, זיך אריינצוווארפן און לערנען תורה. ער האט נישט געחלומ'ט אז אין מדבר פאלט מן, און ער האט נישט געחלומ'ט אז עס איז דא דארט א באר, און אז עס איז דא ענני הכבוד, עס איז נישט געווען קיין טעלעפא"ן, און קיינער האט אים נישט פארציילט וואס עס טוט זיך אפ אין מדבר. און ווען יתרו איז געקומען, איז ער געקומען מיט די מחשבה, אז איך לאז איבער א באזעסענעם מקום, וואו מען קען לעבן בכבודו של עולם, און איך גיי אויף א פלאץ וואו עס איז נישט דא וואס צו עסן, און עס איז נישט דא וואס צו טרינקען, אלעס לאז איך איבער, כדי איך זאל זיך מדבק זיין אין יודען.

**ווען** ער איז אנגעקומען, און משה רבינו פארציילט אים, אז אונז לעב מיר זייער פיין, בעסער פון וואס דו לעבסט דארט. מען פלאגט זיך נישט אויף פרנסה, מען האט מן וואס פאלט פון הימל, מען דארף נישט שעפן קיין וואסער, ווייל עס איז דא א באר, אונז דארף מיר נישט הייזער, ווייל עס איז דא ענני הכבוד, אונז לעב מיר דא אין גן עדן. אויב אזוי האט ער דאך יעצט פארלוירן זיין גאנצע חשיבות, וואס ער האט געוואלט זוכה זיין. ער האט זיך געוואלט ממית זיין באהלה של תורה, ער וויל אוועקגיין פון זיין שטוב כדי זוכה זיין צו תורה, און ער גייט אין א מדבר. און צום סוף זאגט מען אים, אז דער מדבר איז זייער א פיינער מדבר, עס פעלט דא גארנישט.

**ויחד** יתרו, עס איז נעשה בשרו חדודין חדודין, עס האט אים וויי געטון, על כל הטובה אשר עשה ה' לישראל, דער אייבערשטער טוט דא אזויפיל טובות פאר יודען, טובת המן, טובת הבאר, קומט אויס אז עס האט פארלוירן די חשיבות דאס וואס ער האט איבערגעלאזט זיין מקום און ער איז געקומען אין מדבר. - ווען מען רעדט צו בני תורה, דארף מען וויסען די חשיבות פון די צייט וואס מען זיצט אין כולל און מען לערנט.

*

**איך** וויל אבער רעדן פון א צווייטע נושא, בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו. בני תורה דארפן אויך וויסען וואס א שטוב מיינט, און ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן אין א שטוב. עס איז דאך שמחת חתן וכלה, איז אויך א גוטע געלעגענהייט ארויסצוברענגען דעם ענין.

**עס** איז דא עושר מיט א עי"ן, און עס איז דא אושר מיט א אל"ף. עושר מיט א עי"ן איז טייטש עשירות, אושר מיט א אל"ף איז טייטש גליקליכקייט. און דאס איז נישט פארבינדן איינס מיטן אנדערן, **ווען מען איז זוכה, איז א מענטש זוכה צו ביידע. ער איז זוכה צו עשירות, און ער איז זוכה צו אושר, ער איז גליקלין.** אבער נישט אייביג איז אזוי, וויפיל עשירים איז דא וואס לעבן אויף די וועלט וואס זענען אומגליקליך אין אנדערע מצבים. געלט האט ער, אבער געלט איז נישט קיין פתרון פאר אלע פראבלעמען וואס א מענטש האט. **און עס איז דא מענטשען פארקערט, ער איז נישט קיין עושר, עס פעלט אים אין שטוב, אבער ער לעבט גליקליך, ער איז א שמח בחלקו. ער האט א אמת'דיגען שלום בית, א גוטע שטוב, און ער האט אזויפיל תענוג און הנאה, אויסער די געלט וואס ער האט, אז ער לעבט, עולמך תראה בחייך.** עס איז דא עושר, געלט, און עס איז דא אושר גליקליכקייט. - אושר פון גליקליכקייט איז די ראשי תיבות, א'הבה ו'אחוה ש'לום ר'יעות. ווען עס איז דא אין א שטוב 'אהבה', ליבשאפט, 'אחוה', ברודער'ליך, 'שלום', רואיגקייט, 'ריעות', פריינטשאפט, דאס איז דער אושר וואס א מענטש האט.

**ווען** א מענטש ווייסט ווי אזוי צו פירן א רואיגע שטוב, און א ערליכע שטוב, דארט ליגט זיין גאנצע גליק. אפילו עס פעלט זייטיגע ענינים, דארף ער וויסען אז נישט דאס איז דער גליק פונעם מענטש. עושר פון א מענטש איז אושר מיט א אל"ף, גליקליכקייט אין א שטוב איז א רואיגע פיינע שטוב. - **אין א שטוב וואו מען קריגט זיך נישט, אין א שטוב וואו עס איז נישט דא קיין הויכע טענער, אלעס גייט רואיג, ווערן נתחנך נארמאלע קינדער, פון אזא שטוב קומען ארויס קינדער תלמידי חכמים, בעלי מדות, מענטשליך. אבער אין א שטוב וואו עס**

**פעלט אין דעם חלק צווישן די בני בית, מוז עס מאכן א רושם אויף קינדער, עס גייט נישט אנדערש, עס דערקענט זיך שפעטער ביי די קינדער. און א יוד דארף אלעס טון, וואס טוט נישט א יוד פאר קינדער, ער דארף זעהן וויפיל ער קען, אז די שטוב זאל זיך פירן מיט א רואיגקייט.** עס איז דא אסאך מאל זאכן וואס עס איז נישט בידו, אבער וואס עס איז יא בידו דארף ער זעהן עס צו טון.

**די** גמרא (בבא מציעא פז.) זאגט, אשה עיניה צרה באורחים, א אשה איז איר אויג קארג אריינצונעמען א גאסט אין שטוב. און מען ווייסט דאך, אז נשים זענען אסאך מאל מער רחמנים פון מענער. עס קען אבער זיין בדרך צחות פארוואס א אשה איז עיניה צרה באורחים. די גמרא (שם נט:) זאגט, לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו, א מענטש דארף שטארק מכבד זיין די שטוב, שנאמר, ווייל עס שטייט אין פסוק (בראשית יב-טז) ולאברם הטיב בעבורה, דער אייבערשטער האט גוטס געטון פאר אברם, ער האט געהאט צאן ובקר וחמורים, און אלעס וואס די תורה רעכנט דארט אויס, ווייל אברהם האט מכבד געווען שרה. ואברם כבד מאוד במקנה בכסף ובזהב (שם יג-ב), אלעס איז געקומען אין איר זכות. זאגט די גמרא, שאין ברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בזכות אשתו, די ברכה וואס איז דא אין שטוב איז נאר אין איר זכות. והיינו דאמר רבא, און די מימרא שטימט מיט א מימרא וואס רבא פלעגט צו זאגן, אוקירו לנשייכו, געבט כבוד פאר ענקערע ווייבער, כי היכי דתתעתרו, כדי עטץ זאלטס ווערן עשירים. עס איז דא א וועג צו ווערן א עושר דורך ריע"ל עיסטעי"ט, און עס איז דא נאך א וועג ווי אזוי מען ווערט א עושר, אז מען גיט כבוד אין שטוב, זאגן אונז חז"ל, אז עס ברענגט עשירות. וואס איז דער פשט, 'והיינו דאמר רבא', אז די פריערדיגע מימרא איז די מימרא פון רבא, אוודאי איז עס די מימרא פון רבא, פריער האט מען אויך אזוי געזאגט, אז אין הברכה מצויה אלא בזכות אשתו, און רבא האט אויך אזוי געזאגט, אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו, וואס גיט ער צו 'והיינו דאמר רבא'.

**די** ערשטע מימרא האט נאר אזויפיל פארציילט, אז די ברכה וואס איז דא ביי א מענטש אין שטוב, דאס איז אין איר זכות. צו איך וועל איר יא מכבד זיין, צו איך וועל איר נישט מכבד זיין, זי ברענגט אריין די ברכה. דער אייבערשטער שיקט די ברכה אין שטוב דורך איר. עס קען זיין אז עס קומט זיך אז מען זאל איר מכבד זיין אלץ הכרת הטוב, אלץ מענטשליכקייט, ווייל זי ברענגט אריין די ברכה, קומט זיך איר, אז ער זאל איר מכבד זיין, אבער עס איז נאכנישט קיין הכרח, אז מיין מכבד זיין, איז פארבינדען מיט די ברכה וואס וועט זיין אין שטוב. ער האט נאר אזויפיל געזאגט, אז די ברכה איז נישט מצוי, נאר אין איר זכות. זאגט די גמרא, ניין, ווען איך זאג אז די ברכה איז מצוי בזכותה, מיינט דאס נישט אז זי ברענגט אריין די ברכה, און דו באקומסט א פארטיגע זאך פאר דיר, נאר עס איז תלוי אין דיר. **אויב דו וועסט געבן כבוד פאר די בני בית, דאס וועט צוברענגען אז זי וועט ברענגען די עשירות.** ולאברם הטיב, דאס וואס דער אייבערשטער האט געטון גוטס פאר אברם, בעבורה, איז געווען וועגן איר. ווייל אברהם האט איר מכבד געווען, דורך דעם האט ער ממשיך געווען די ברכה אין שטוב. והיינו דאמר רבא, דאס האט רבא געזאגט, אוקירי לנשייכו, גיבטס כבוד פאר ענקערע ווייבער, כי היכי דתתעתרו, דאס וועט ענק ברענגען די עשירות. - דאס איז טייטש, אז ווען א מענטש גיט כבוד ביי זיך אין שטוב פאר די בני בית, ער טוט איר מכבד זיין, מכבדה יותר מגופו (יבמות סב:), א ווייב דארף מען מכבד זיין מער פון זיך אליין, ער דארף מוותר זיין אסאך מאל פון זיך, כדי צו געבן כבוד אין שטוב, כי היכי דתתעתרו, דאס וועט ענק ברענגען עשירות.

**עס** איז אבער דא נאך א זאך וואס ברענגט עשירות. ווען א מענטש גיט צדקה. אזוי שטייט אין פסוק (דברים טו-י) נתון תתן לו, ולא ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך בכל מעשיך ובכל משלח ידך. קומט אויס אז ווען א מענטש וועט פירן א ברייטע שטוב, ער וועט געבן אסאך צדקה, וועט דאס אים אויך ברענגען עשירות. איז שוין יעצט נישט וויכטיג, אז ער זאל מכבד זיין, זיין ווייב, כדי ער זאל האבן עשירות דורך איר, ווייל ער האט א אנדערן וועג ווי אזוי ער קען ברענגען די עשירות. איז וועגן דעם אשה עיניה צרה באורחים, זי איז צרה אריינצוברענגען אורחים אין שטוב, ווייל

טאמער ער וועט אריינברענגען אורחים אין שטוב, וועט ער דאך תולה זיין אז די זכות וואס ער האט עשירות אין שטוב, איז ווייל ער טוט צדקה. אבער אז עס וועט נישט זיין אורחים אין שטוב, און ער וועט זעהן אז עס איז דא א ברכה אין שטוב, וועט ער וויסען אז עס קומט נאר וועגן איר, און דעמאלטס וועט ער איר געבן כבוד. איז ממילא אשה עיניה צרה באורחים, א אשה איז וועגן דעם עיניה צרה באורחים, ווייל זי וויל נישט אז די ברכה אין שטוב זאל קומען דורך חסד, נאר זי וויל אז דער מאן זאל אנערקענען אז די ברכה וואס ער האט אין שטוב איז געקומען דורך איר, און דורך דעם וועט ער איר מוקיר זיין.

**און** מען זעהט אויך א דבר פלא, יעדער ווארט אין די תורה קומט דאך אונז עפעס צו לערנען, וועז די תורה וויל פארציילען, אז די ברכה אין שטוב איז תלוי אין איר, האט עס די תורה געשריבן ביי אברהם אבינו, ולאברם הטיב בעבורה. מען האט נישט געטראפן ערגעץ אנדערש ווי די תורה זאל אונז לערנען אז די ברכה איז מצויה נאר בזכות אשתו, נאר ביי אברהם. ווייל אברהם איז געווען דער סימבאל פון חסד, ויטע אשל בבאר שבע (כא-לג). ווער איז נאך געווען ווי אברהם אבינו, וואס האט געעפענט זיין שטוב צו אלע זייטן אז יעדער זאל קומען. און אז אברהם האט געטון אזויפיל חסד, קומט דאך אים אז בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך. זאגט די תורה ואברם כבד מאוד במקנה בכסף ובזהב, אבער דו זאלסט וויסען, אז דאס איז נישט געווען ווייל ער איז אזא בעל חסד, נאר ולאברם הטיב בעבורה, דאס איז געווען ווייל ער האט מכבד געווען זיין שטוב. אוקירי לנשייכו כי היכי דתתעתרו, מען דארף געבן כבוד אין שטוב, כדי עס זאל ברענגען עשירות.

**און** דאס איז דער אמת, עס דארף זיין ביידע. **די שטוב דארף זיין געבויט אויף חסד, עס דארף נישט זיין עיניה צרה באורחים, נאר טון חסד. דאס וואס מען טוט חסד פאר אנדערע, דאס ברענגט אריין א ברכה אין שטוב. און פון די אנדערע זייט, אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו, און דאס וועט אויך אריינברענגען די ברכה.** - מען זאגט אין אשת חיל (משלי ), אשת חיל מי ימצא, ורחוק מפנינים מכרה, בטח בה לב בעלה, דער מאן קען זיין רואיג אויף איר, ושלל לא יחסר, און עס וועט דיך נישט פעלן קיין שלל אין שטוב. וואס איז דער בטח בה לב בעלה ושלל לא יחסר? רעכנט ער אויס, כפה פרשה לעני וידיה שלחה לאביון, ער האט א שטוב, א בני בית, וואס איז נישט צרה באורחים, נאר עס איז כפה פרשה לעני וידיה שלחה לאביון, זי גיט צדקה. און פון דעסטוועגן דאך טוט איר דער מאן פון זיין זייט אויך מכבד זיין, מרבדים עשתה לה שש וארגמן לבושה, ער לאזט איר מאכן שיינע בגדים. עס איז נישט אז דער מאן לאזט איר איבער אויף הפקר, און ער קוקט זיך נישט אים אויף איר, און מען פירט נאר א שטוב פון חסד. נאר ווען עס איז דא ביידע, כפה פרשה לעני וידיה שלחה לאביון, און פון די אנדערע זייט גיט ער אויך כבוד פאר איר, מרבדים עשתה לה שש וארגמן לבושה, דעמאלטס ווען עס איז דא ביידע, דאס איז דער אשה יראת ה' היא תתהלל, דאס איז די ריכטיגע יראת ה', ווי מען ווערט געלויבט.

*

**מען זעהט די וואך אין די פרשה די כבוד וואס מען דארף געבן נישט נאר פאר די ווייב נאר אויך פאר שווער און שוויגער.** עס איז אזוי געפסק'נט אין שלחן ערוך (יו"ד רמ-כד), חייב אדם לכבד חמיו, מען איז מחוייב מכבד צו זיין א שווער, און מען איז מחוייב מכבד צו זיין א שוויגער (טורי **זהב** שם סקי"ט). עס איז א מחלוקת צו עס איז מן התורה, צו עס איז נאר אזוי ווי כיבוד זקנים, אבער עס איז דא א חיוב. - אויסער די חיוב וואס איז דא אלץ כבוד חמיו, איז עס אויך נוגע צו שלום בית, אויב מען וויל האבן א רואיגע שטוב. **מען קען נישט לעבן אין א שטוב, וואו מען זאגט אמאל א קרום ווארט אויף איר טאטע אדער אויף איר מאמע וכדומה. אפילו עס זאל זיין אמת, דארף מען עס אויך נישט זאגן. עס איז פוגע, און עס טוט וויי. קיינער וויל נישט הערן עפעס אויף זיינע עלטערן, אזוי ווי עס טוט אים וויי, ווען ער הערט ווי זיין ווייב זאגט עפעס אויף זיין טאטע מאמע, דארף ער וויסען אז פאר איר טוט צען מאל מער וויי, ווען זי הערט עפעס אויף אירע עלטערן, ווייל א אשה איז מער רגישה. א מענטש איז מחוייב מכבד צו זיין, בכבוד צו האלטן, איר, און אויך אירע עלטערן.**

**כבוד** חמיו זעהט מען די וואך אין די פרשה. יתרו איז געקומען, און ער האט איינגעמאלדען פאר משה רבינו, אני חותנך יתרו בא אליך ואשתך ושני בניה עמה, ויצא משה לקראת חותנו, וישתחו וישק לו, וישאלו איש לרעהו לשלום, ויבואו האהלה (יח-ו). יתרו האט אים געזאגט צא בגיני, און אויב נישט בגיני, צא בגין אשתך, און אז נישט בגין אשתך, צא בגין שני בניה (רש"י). און משה רבינו איז ארויסגעגאנגען חוץ דעם ענן, מקבל פנים צו זיין יתרו. און ווי רש"י זאגט, אז ער איז נתכבד געווארן כבוד גדול, מי ראה את אלו יוצאין ולא יצא, גאנץ כלל ישראל איז נאכגעגאנגען משה רבינו, ווען ער האט מכבד געווען זיין שווער.

**יתרו** איז נישט געווען ווער ווייסט וואס, ער איז געווען כהן מדין, ער איז געווען א כומר פאר עבודה זרה. און רש"י ברענגט צו, עתה ידעתי כי גדול ה' מכל האלהים (יח-יא) שהיה מכיר בכל עבודה זרות שבעולם, שלא הניח עבודה זרה שלא עבדה, ער איז שוין געגאנגען פון איין עבודה זרה צו די צווייטע, און פון די צווייטע צו די דריטע, און יעצט האט אים אנגעכאפט אז ער קומט צו נאך א פלאץ, זעהן ווי אזוי יודען דינען דעם אייבערשטען. משה רבינו רבן של ישראל האט געהאט גענוג וואס צו טון, אבער יתרו איז דאך זיין שווער, האט משה רבינו אלעס איבערגעלאזט און ארויסגעגאנגען אקעגן אים, און מכבד געווען. און פאר דעם זקן אשמאי, וישתחו וישק לו. וישתחו איז טייטש פישוט ידים ורגלים, ער האט זיך אזוי געבויגען פאר אים, ער האט אים אזוי מכבד געווען, אז ער האט זיך אראפגעלייגט אויף די ערד, און ער האט זיך געבוקט פאר אים, און ער האט אים ארומגענומען און געקושט. וואס פאר א כבוד משה רבינו האט אפגעגעבן פאר זיין שווער.

**און** עס גייט אבער נאך אסאך טיפער. די תורה זאגט, ויקח יתרו חותן משה את צפורה אשת משה אחר שילוחיה (יח-ב). וואס איז טייטש אחר שילוחיה? רש"י טייטשט כפשוטו, אז בשעת ער איז געגאנגען קיין מצרים, האט ער איר געזאגט, דו קום נישט מיט, נאר בלייב דארט. ער האט איר געשיקט, גיי צו דיינע עלטערן. אין תרגום איז משמע, און כמה ראשונים לערנען אזוי (עיין בילקוט רמז רסח), אז משה רבינו האט איר מגרש געווען. אחר שילוחיה, נאכדעם וואס משה רבינו האט איר מגרש געווען, איז זי צוריקגעקומען, און משה רבינו האט איר נאכאמאל צוריקגענומען, אזוי ווי מען מען זעהט שפעטער, אז צפורה איז געווען אשת משה. עס שטייט אין **בעל הטורים** (בפרשתנו), אז דער פסוק זאגט, צפורה אשת משה אחר שילוחיה, אז עס איז אחר שילוחיה, פארוואס רופט מען איר אן 'אשת' משה, זי איז דאך נישט זיין ווייב. זאגט דער **בעל הטורים**, אז אזוי ווי די הלכה איז (ירושלמי סנהדרין ב-ג), אז ביי א מלך איז אין נושאין גרושתו, די גרושה פונעם מלך קען נישט חתונה האבן, און משה רבינו איז דאך געווען א מלך (זבחים קב.), און זי איז געווען די גרושה פון אים, קומט אויס אז זי האט נישט געקענט חתונה האבן, אפילו נאך די גירושין איז זי נאך אלץ געווען צוגעבינדען צו משה רבינו. זי איז אשת משה אפילו אחר שילוחיה, זי איז נאך די ווייב פון משה אפילו נאכדעם וואס ער האט איר מגרש געווען. על כל פנים, מען רעדט שוין נישט דא פון א שווער, נאר מען רעדט פון א שווער וואס איז שוין אויס שווער, ער איז א געוועזענער שווער. **און פאר דעם געוועזענעם שווער, פאר דעם זקן אשמאי, האט זיך משה רבינו אויפגעהויבן און ער איז ארויסגעגאנגען מיטן גאנצן כלל ישראל אים מכבד צו זיין.**

**און** דער שווער זאגט אים, איך בעהט דיך קום ארויס, און טאמער איך בין נישט גענוג ווערט אז דו זאלסט ארויסקומען, צא בגין אשתך, קום ארויס וועגן דיין ווייב. מיין ווייב? איך האב איר שוין לאנג געמאכט אויס ווייב. עס איז שוין אחר שילוחיה, זי איז א אמאליגע ווייב. אבער פאר די אמאליגע ווייב דארף מען אויך געבן כבוד, נישט נאר פאר א ווייב וואס מען לעבט צוזאמען. אחר שילוחיה, זאגט אים יתרו, אפילו איך בין נישט ווערט, קום ארויס וועגן דיין ווייב אחר שילוחיה.

**און** מען וועט פרעגן, איז עס טאקע אזוי, אז א ווייב וואס מען האט געג'ט איז נאך דא עפעס א קשר? יא. אזוי איז געפסק'נט אין **שלחן ערוך** (אהע"ז קיט-ח, **ובש"ך** יו"ד סימן רמ"ז סק"א) אקעגן די מצוה פון צדקה, וואס מען דארף קודם געבן פאר

די קרובים, און נאכדעם פאר פרעמדע. יעדע מצוה האט זיך זייגע גדרים, און צדקה דארף מען געבן קודם פאר משפחה פריער פון פרעמדע. - די וועלט טוט פארקערט, פאר פרעמדע בארגט מען, און די משפחה לאזט מען לויפן, אבער ווייל עס איז א מצוה, פארדעם זאגט דער יצר הרע אז מען זאל טון פארקערט. אבער מען דארף קודם געבן פאר די משפחה, און נאכדעם פאר פרעמדע. - ווי אזוי איז די הלכה, ווען מען האט ל"ע א ווייב א גרושה. איז זי א פרעמדע, אדער עס קומט איר אזוי ווי פאר משפחה. איז געפסק'נט אין שלחן ערוך, אז מען דארף איר געבן קודם פאר מען גיט פאר א פרעמדען. ומבשרך אל תתעלם (ישעיה נח-ז), זי איז געווען דיין ווייב, אפילו יעצט איז זי שוין נישט, און אז מען האט זיך גע'גט איז עס מן הסתם נישט ווייל מען האט זיך זייער גוט געלעבט, פון דעסטוועגן דאך נעמט עס נישט אוועק. אפילו אחר שילוחיה, איז ער מחוייב איר צו געבן קודם. משה רבינו איז דער עמוד התורה, און יתרו זאגט אים, דו ביסט דער עמוד התורה, און אפילו איך בין נישט ווערט אז דו זאלסט ארויסקומען, אבער פאר דיין גע'גט'ע ווייב ביזטו מחוייב ארויסצוגיין. יעדע ווארט אין די תורה הק' לערנט אונז, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**און אז עס איז אזוי אחר שילוחיה, איז דאך א כל שכן ווען דער אייבערשטער העלפט אז מען איז זוכה אז מען זיצט צוזאמען, און מען ערציט קינדער צוזאמען, וויפיל דארף מען געבן כבוד אין שטוב, מחזק זיין די שטוב. די מאמעס מאכן געגוג מיט, מיט די קינדער, מען פלאגט זיך מיט די קינדער, און ווען עס קומט סוף פונעם טאג, ווען ער קומט שוין אהיים, וויל זי הערן א גוט ווארט פונעם מאן, אז ער זאל פרעגן ווי אזוי איז געווען היינט אין שטוב, און ווי אזוי האסטו זיך היינט באפארעט מיט די** קינדער, און מיט די קאך וכדומה, און דערווייל לא מינייהו ולא מקצתה, ער קומט אריין אין שטוב, און ער פרעגט נישט, עס אינטערעסירט אים נישט גארנישט, נאר ווי איז די סאפי"ר, איך וויל עפעס עסן און צוריקגיין אין כולל. נישט דאס מיינט 'אוקירו לנשייכו'! אוקירו לנשייכו איז טייטש, אז א מענטש דארף זיך רעכענען מיט די בני בית, זיך רעכענען מיט די שטוב. איי ער איז ביזי מיט די **געשעפטן, ער דארף ארויסגיין. ניין, כי היכי דתתעתרו, זאלסט וויסען, מיט דעם וואס דו ביסט אוקירו לנשייכו, דארט ליגט דיין עשירות, דארט ליגט דיין ברכה וואס דו וועסט האבן שפעטער, ולאברם הטיב בעבורה.** און דאס דארף מען זיך אראפלערנען, ווען מען זיצט ביי א שמחה פון חתן כלה, וואס זיי גייען יעצט בויען א יודישע שטוב, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.). געדענקן אז א שטוב איז געבויט געווארן צו זיין עושר ואושר. דער אייבערשטער זאל געבן פרנסה בהרחבה, וואס דאס איז עשירות, און דער אייבערשטער זאל געבן גליקליכקייט אין שטוב. א שטוב פון רואיגקייט און ערליכקייט, וואו עס איז נישט דא קיין הויך קול, און אלעס פירט זיך ווי עס דארף צו זיין, דאס איז א שטוב וואס איז גליקליך.

**מען** לערנט יעצט (בחבורות ובהם נהגה) די גמרא אין מסכת עירובין, די גמרא (עירובין מא:) רעכנט אויס, די שלשה וואס זענען אינן רואין פני גיהנם. און די גמרא זאגט, אז ווען מען האט א אשה רעה, איז עס א מתנה טובה, ווייל ער איז אינו רואה פני גיהנם. די גמרא פרעגט למאי נפקא מינה, וואס איז א נפקא מינה צו מען זעהט פני גיהנם צו נישט. זאגט די גמרא, אז עס איז א נפקא מינה, לקבולי באהבה, אז דו זאלסט עס מקבל זיין באהבה. עס איז דא כמה דרכים ווי אזוי מען לערנט וואס דאס מיינט לקבולי באהבה. איינס, עס בארואיגט די מענטש, זיי עס מקבל באהבה. דו פלאגסט דיך דא, דו וועסט אבער האבן א צייט שפעטער וואס דו וועסט האבן מנוחה. אז עס וועט דיר דא זיין גוט, קען זיין אז שפעטער וועסטו דארפן האבן גיהנם. אין **עיון יעקב** שטייט, לקבולי באהבה איז טייטש, אז עס וועט דיך נאר דעמאלטס מציל זיין מדינה של גיהנם, ווען דו וועסט עס מקבל זיין באהבה. **מען קען האבן א אשה רעה, און מען פלאגט זיך, און מען בייזערט זיך פארוואס האט מיר דער אייבערשטער דאס געגעבן וכדומה, דאס זיך בייזערן, דאס נעמט דיר אוועק, אז נאכדעם וועסטו נישט האבן דעם שכר דערפון, אז אינו רואה פני גיהנם.**

**וואס** מיינט א אשה רעה? ווי אזוי טייטשט מען עס איבער? וואס איז א שלעכטע ווייב? איין זאך. א

**אשה וואס איז מריבה אין שטוב, זי קריגט זיך מיטן מאן, דאס מיינט א אשה רעה. זי קען זיין א וואוילע און א פיינע, אבער טאמער מען קריגט זיך אין שטוב, דאס איז א בחינה פון א אשה רעה, וואס איז אינו רואה פני גיהנם. און דאס דארף מען מקבל זיין באהבה. יעדן האט דער אייבערשטער אנגעשריבן וואס ער האט, און מען דארף מאכן די בעסטע פון וואס מען האט. מען קען נישט עפעס אנדערש טון, וואס דער אייבערשטער האט דיר צוגעשיקט, דארפסטו זעהן אז אין שטוב זאל זיין די מערסטע רואיגקייט וואס מען קען. און דאס איז אויך א סגולה פאר גוטע קינדער.** יתרו האט געזאגט פאר משה רבינו, אז דו קומסט נישט ארויס וועגן מיר, קום ארויס בגין אשתך, וועגן דיין ווייב, און אפילו דיין ווייב איז עס אויך נישט ווערט, אבער צא בגין בניה, וואס דו טוסט פאר דיין ווייב, טוסטו פאר דיינע קינדער. אפילו בגין אשתך אליין איז נישט כדאי ארויסצוקומען, אבער צא בגין שני בניה. **וואס וועט זיין ווען די צוויי קינדער וועלן זעהן ווי משה רבינו רעכנט זיך נישט מיט די מאמע. אבער אז זיי וועלן זעהן ווי די רעכנסט דיך מיט די מאמע, וועלן זיי זיך אויך רעכנען מיט די מאמע.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן אז עס זאל זיין עושר ואושר אינעם שטוב, עס זאל זיין אהבה ואחוה ושלום וריעות. און דאס נייע פאר פאלק וואס בויט יעצט א בית נאמן לה', און ענק אלע וואס זענען זוכה צו זיצן באהלה של תורה, וואס איז א מקום פון השראת השכינה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל, עס איז נישטא קיין שענערע שטובער פון בני תורה, וואס איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, די שכינה איז שוין דארט, און מען דארף נאר זעהן עס אנצוהאלטן, און נישט צו פארטרייבן די שכינה. זאל דער אייבערשטער געבן אז אין אלע יודישע שטובער זאל זיין אהבה ואחוה שלום וריעות, דער באשעפער זאל ממשיך זיין פאר אונז די ברכה וואס קומט פאר דעם, ולאברם הטיב בעבורה, כי היכי דתתעתרו, מען זאל האבן פרנסה בהרחבה, און מען זאל קענען זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען. וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל השבע ברכות שנערכה על ידי מחותנו **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א**, בבית מדרשו.

*

***<u>ערב שבת פרשת יתרו</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **נחמן רייך** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>שבת קודש פרשת יתרו – שבת שבע ברכות</u>***

וביום השבת שישו ושמחו. התפלות וסעודות שבת שבע ברכות התקיימה ברוב פאר והדר בהיכל בית מדרשינו הגדול, בהשתתפות קהל רב, המוני אנשי שלומינו תלמידים וחסידים שגדשו את היכל הבית המדרש במשך השבת, ששים ושמחים בשמחתו של מלכם בראשם **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**.

בתפלת מנחה נתכבד הסב **כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב שליט"א**. ובתפלת קבלת שבת נתכבד **הרה"ג רבי אשר אייכענשטיין שליט"א** (בן הרה"ג אב"ד חודרוב שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מבאבוב 45 שליט"א).

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** את סעודות השבת ביחד עם בני המשפחה והאורחים החשובים, בהיכל המתיבתא. במשך הסעודה הנעימו בשיר מקהלת אברכי אנ"ש, ונשמעו דברי תורה מאת **הרה"ג רבי יהושע העשיל ראזנער שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א), ומאת חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**.

אחר הסעודה התקיימה הבאטע בהיכל בית מדרשנו הגדול. **רבינו שליט"א** כיבד את המחותנים **כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב שליט"א, והגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א, והרה"ג אב"ד חודרוב שליט"א** להשמיע דברי תורה. בסיום הבאטע השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בגודל מעלת שבת קבלת התורה, שהוא עת מסוגל לקבל את התורה מחדש מתוך שמחה ואהבה. בברכת המזון נתכבד **כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב שליט"א**, והשבע ברכות נתחלקו בין הרבנים הגאוה"צ קרובי המשפחה שליט"א.

ביום השבת ניגש לתפלת שחרית **הרה"ג רבי מאיר יששכר ראזנער שליט"א** דומ"ץ ביהמ"ד קהלת יוסף פאפא ב"פ. בקריאת התורה נתחלקו העליות להמחותנים וקרובי המשפחה שליט"א. בין העליות קרא **רבינו שליט"א** את השם לבת הנולדה אצל הר"ר **נתנאל** (ב"ר סיני) **ווייס** הי"ו – בתפלת מוסף נתכבד **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א.** אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** אצל שמחת הקידושא רבא לרגל השמחה.

סעודת יום השבת קודש התקיימה בהיכל המתיבתא. במשך הסעודה נאמו: **הרה"ג רבי יואל יוסף עזריאל טייטלבוים שליט"א** נכד **רבינו שליט"א, הרה"ג רבי יחזקאל אייכענשטיין שליט"א** (אב"ד זידיטשוב מארין פארק), דברים מיוחדים וזכרונות מימי קדם השמיע הרה"ח רבי **אשר יעקב מענצער** הי"ו. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי חיים מאיר ארנסטר שליט"א** (אב"ד ויזניץ מאנטשעסטער).

סעודה שלישית נערכה ברוב עם בבית מדרשנו. בברכת המזון נתכבד **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א.** אחר תפלת מעריב הבדיל **רבינו שליט"א** על הכוס בבית המדרש, וכל הקהל עברו באמירת א גוטע וואך.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה על ידי קהל בית אשר סאמבאטהעלי, שהתקיימה בבית המדרש סאמבאטהעלי.